בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## ראש השנה
א' תשרי תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 6:10 |
| מוצש"ק | 7:22 |
| ר"ת | 8:01 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:43 | סוז"ת א' | 10:00 |
| סוזק"ש ב' | 9:26 | סוז"ת ב' | 10:29 |

די צייטן לויט די זומער זייגער

גליון מס': מ"ח

## טיב הפרשה

# אִמְרוּ לְפָנַי מַלְכֻיּוֹת

## קענען די געזעצן פון דעם מלך מלכי המלכים

אין די וואכעדיגע פרשה פון האזינו לערנען מיר אין פסוק די הייליגע ווערטער 'יערוף כמטר לקחי – תזל כטל אמרתי'.

רש"י אויפ'ן ארט איז מדייק אז וועגן דעם האט די תוה"ק צוגעגליכענט די תורה הק' צו טל, טוי, ווייל טל איז א זאך וואס ברענגט שמחה פאר יעדן איד. אינדערצייט ווען רעגן קען אנמאכן שאדן פאר די גאס דורכגייער, אדער פאר די וואס האט וויין-גריבער, איז דער טל א זאך וואס יעדער איינער גלייכט און וועגן דעם איז ער מרמז אויף די תורה.

דער פסוק קומט אונז אויסלערנען דער וועג וויאזוי א איד זאל לערנען תורה, און די שליסל צו שטייגן אין תורה איז, אז מען זאל שפירן אין איר א שמחה, ווייל ווען א איד שפירט א שמחה אין לערנען און אין קיום המצוות וועט ער אויסשטייגן העכער און העכער אין עבודת ה'.

אין די טעג גייט דער הייליגער יום טוב ראש השנה, עס הייבט זיך אן א נייע יאר. כידוע איז דער מהות פון די טעג מלכות, מען איז ממליך דעם רבוש"ע, און ווי חז"ל זאגן שוין 'אמרו לפני מלכות' אז השי"ת בעט זיך ביי א איד אז ער זאל אים ממליך זיין אין די טעג, ווייל דאס איז דער עיקר פון די טעג.

די מלכות פון די טעג האט אויך א שטארקער מקור אין הלכה. אז איינער פארגעסט צו זאגן אין די טעג 'זכרנו לחיים' דארף ער נישט איבערדאווענען, אבער אז ער זאגט בטעות 'הקל הקדוש' אנשטאט 'המלך הקדוש' דארף ער איבערדאווענען, ווייל דאס איז די מהות פון די טעג, דאס איז דער עיקר, די מלכות, אז מען זאל ממליך זיין הקב"ה אין די טעג.

דאס איז דער מהות פון די טעג און וועגן דעם טאקע פאדערט זיך אז מען זאל זיך מתבונן זיין אין איר און עס ריכטיג אפלערנען.

>>> | המשך אין עמוד ב' |

## טיב המערכת

### – ♦ זָכְרֵנוּ לְחַיִּים ♦ –

א קעניג האט געשיקט זיין זון צו א ווייטן דארף, זאגנדיג צו אים 'איך דארף דיר האבן דארטן, אין יענעם דארף'. דער קינד האט געטון דאס וואס זיין טאטע האט אים געהייסן און ער איז געפארן צו יענעם ארט. דער וועג איז געווען זייער שווער, און ער האט געדארפט דורכגיין אסאך שטרויכלונגען איבער די וועגן ביז ער איז אנגעקומען צו יענעם דארף.

אנקומענדיג אהין, האט ער אנגעהויבן זוכן, וועלנדיג פארשטיין פארוואס זיין טאטע האט אים דארט געשיקט. אפשר וויל ער אז ער זאל פירן דעם דארף? עס זעט נישט אויס. ווייל דער דארף ווערט שוין געפירט דורכן הויפט פון דארף, מיט א שטארקע האנט אויפן בעסטן שטייגער. מעגליך זענען דא אויפשטעטענדלער אינעם דארף? אויך אזעלכע האט ער נישט געטראפן.

האט דער בן המלך אנגעהויבן שמועסן מיט די מענטשן פונעם דארף, ווען צו זיין שרעק האט ער באמערקט אז די מענטשן פונעם דארף ווייסן בכלל נישט אז עס געפינט זיך א קעניג וואס הערשט אין לאנד, און זיי מיינען תמימות'דיג אז דער הויפט פונעם דארף איז דער 'בעל הבית'.

דעמאלטס האט דער פרינץ פארשטאנען אז זיין טאטנ'ס רצון איז, אז ער זאל לאזן וויסן פאר די מענטשן פונעם דארף, אז עס איז דא א קעניג, און ער איז דער הערשער איבערן דארף און איבערן גאנצן לאנד, און אלעס וואס זיי פארמאגן איז נאר צוליב זיין גרויס גוטס און חסד.

מיר בעטן פונעם אויבערשטן 'זָכְרֵנוּ לְחַיִּים'. דארף מען פארשטיין, פארוואס בעטן מיר לעבן, אינדערצייט וואס חז"ל זאגן דאך 'טוֹב לוֹ לְאָדָם שֶׁלֹּא נִבְרָא מִשֶּׁנִּבְרָא', אויך זאגן חז"ל 'עַל כָּרְחֲךָ אַתָּה נוֹלָד וְעַל כָּרְחֲךָ אַתָּה חַי', און יעדער איינער ווייסט דאך וואס עס טוט זיך ביי אים אין הארץ, וויפיל ער האט חלילה געזינדיגט במשך זיינע יארן.

און אויב טראץ דעם אלעם בעטן מיר לעבן, מוז זיין אז עס איז דא א ספעציעלע סיבה פארוואס מיר בעטן לעבן. די סיבה איז: 'לְמַעַנְךָ אֱלֹקִים חַיִּים'. מיר בעטן פונעם אויבערשטן – געב אונז לעבן – פאר דיינעטוועגן.

וואס איז טאקע דער 'לְמַעַנְךָ'?

אויב וועלן מיר טראכטן אז אונזער אויפגאבע אויף דער וועלט איז, אז מיר זאלן זארגן פאר אונזער קערפער און צושטעלן פרנסה פאר אונזער הויזגעזינד, האבן מיר א גרויסן טעות. מיר ווייסן גוט אז נישט דערפאר האט אונז דער אויבערשטער געברענגט אויף דער וועלט, ער קען זיך גוט אן עצה געבן אן אונז, און ער האט אוודאי נישט אראפגעברענגט א הויכע נשמה אויף דער עולם השפל וועגן אזא זאך.

דער מסילת ישרים זאגט, 'יְסוֹד הַחֲסִידוּת וְשֹׁרֶשׁ הָעֲבוֹדָה הַתְּמִימָה הִיא, שֶׁיִּתְבָּרֵר וְיִתְאַמֵּת אֵצֶל הָאָדָם מַה חוֹבָתוֹ בְּעוֹלָמוֹ', און ער פירט אויס 'כִּי הַשְּׁלֵמוּת הָאֲמִתִּית הִיא רַק הַדְּבֵקוּת בּוֹ יִתְבָּרַךְ, וְהוּא מַה שֶּׁהָיָה דָּוִד הַמֶּלֶךְ אוֹמֵר וַאֲנִי קִרְבַת אֱלֹקִים לִי טוֹב'.

יעצט פארשטייען מיר שוין וואס איז דער 'למענך', ווייל אונזער גאנצער אויפגאבע אויף דער וועלט איז, צו זיין דָּבוּק אינעם אויבערשטן, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּד' אֱלֹקֵיכֶם חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם'.

דאס איז די לעבן וואס מיר בעטן אום ראש השנה, א לעבן פון דביקות אינעם אויבערשטן – למענך, פאר דיינעטוועגן, אז אין יעדע פעולה וואס מיר טוען, בגשמיות אדער ברוחניות, זאלן מיר שטענדיג צילן צו זיין דבוק אינעם אויבערשטן.

יהי רצון אז מיר זאלן אלע זוכה זיין פארשריבן צו ווערן אינעם ספר החיים.

(עפ"י טיב המועדים – תשרי)

זמנים אויף
קבלת קהל און שיחות
0534-100024

טיב ההודעות

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רביעוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

דער לימוד פון מלכות הייבט זיך אן מיט די פשטות הדברים. דער פשוט'ער פשט פון מלכות איז אז הקב"ה איז דער קעניג פון די וועלט און מיר זענען אלע געבויגן אונטער אים און מיר דארפן מקבל זיין מלכותו יתברך. מען דארף צו וויסן אז די מלכות אין הימל איז מעין די מלכות פון די וועלט. אזוי ווי אויף די וועלט אז מען פאלגט נישט אויס די געזעצן פון די קעניגרייך וועט מען ווערן געשטראפט פאר דעם, און דער עצם זאך אז מען האט נישט געפאלגט דעם מלך און גענומען ערנסט זיינע ווערטער איז א פארלעצונג און וועט ווערן באטראכט ווי אן עוולה איז די זעלבע זאך לגבי מלכות שמים, אז מען דארף מקבל זיין מלכותו און נישט חלילה עובר זיין אויף זיין רצון.

די נקודה דארף זיין קלאר ביי יעדן איינעם פון אונז. ווען מיר שטעלן זיך אין דעם גרויסן טאג פאר'ן בורא כל העולמים דארפן מיר וויסן די נקודה אז איידער מיר גייען אריין טיפער אין די באדייט פון מלכות, דארף די נקודה זיין קלאר אז מיר מוזן אויספאלגן וואס הקב"ה הייסט, און אז מיר זאלן עס קענען אויספאלגן דארף מען ערשט זיין גוט אויסגעקאכט אין דעם און קענען זיינע געזעצן מיט א קלארקייט, ווייל אן דעם קען די עבודה פאר'ן מלך נישט זיין בשלימות.

לויט ווי מיר האבן געשמועסט איז די עבודה פון מלכות אז דער איד זאל מקבל זיין די תורה פונדאסניי און זיך אונטערנעמען אז מער גייט מען נישט ווידערשפעניגן אין זיינע וועגן און סיי נישט בכוונה און אויך נישט מחוסר ידיעה, ווייל אז מען קען נישט די מצוות פון השם, קען מען גרינגערהייט אנקומען נישט מקיים צו זיין די מצוות.

אלץ אן עצה טובה אז מען זאל יא וויסן די דרכים פון השי"ת אין א פראקטישער וועג, הלכה למעשה, וואלט געווען א ראטזאמער זאך אז מען זאל זיך קובע זיין א טעגליכע שיעור אין קיצור שלחן ערוך.

עס מיינט נישט אז מען זאל אפשטעלן די קביעות'דיגע סדרים אין לימוד התורה אדער אז עס זאל גיין אויפ'ן חשבון פון זיך מעמיק זיין אין די הלכה, אבער עס פעלט זיך אויס, ווייל אזוי ארום וועט מען פארמיידן נכשל צו ווערן אין די פשוט'ע הלכות וואס א איד איז מחוייב מקיים צו זיין טאג-טעגליך.

אין די לעצטע שטיק צייט האט מען אויסגעשטעלט די ספר לויט די טעג. א איד קען עס דורכלערנען דורך די יאר, און לערנען פון איר יעדן טאג א שטיקל, אבער מען מוז עס לערנען, ווייל מען מוז האבן א ידיעה אין די הלכה למעשה.

די זאך דארף מען אויך אריינברענגען אין די עזרת נשים. אויך זיי דארפן לערנען די הלכות און וויסן וויאזוי מען פירט זיך. די פליכט פון לערנען מיט די קינדער הלכה ליגט אויפ'ן טאטן און ער זאל זיכער מאכן אז די קינדער זענען אויסגעקאכט אין די טאג-טעגליכע הלכה.

איך געדענק וויאזוי מיין טאטע זצ"ל פלעגט עס טון אין שטוב, ער האט געהאט א סדר יעדע וואך שבת ביי די סעודה צו לערנען הלכה מיט די קינדער. ביי איין סעודה האט ער געלערנט קיצור שלחן ערוך, ביי די צווייטע סעודה האט ער געלערנט חפץ חיים, אבער ער האט זיכערגעמאכט אז מען לערנט הלכה, אז די קינדער זאלן וויסן וויאזוי מען פירט זיך אידיש און ערליך.

דאס דארף זיין די קבלה טובה פון די יאר, אז צוזאמען מיט'ן מקבל זיין די מלכות שמים, זאל מען אויך מקבל זיין אויף זיך צו לערנען זיינע געזעצן און וויסן וויאזוי מען פירט אויס הלכה למעשה די מלכות שמים און דער רצון פון דעם מלך, און בשכר זה וועט מען פועל'ן א גוט יאר און אז די מלכות שמים זאל זיין בשלימות די יאר.

טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

געשריבן דורך לייענערס

# די הכרת הטוב האט געברענגט די ישועה

ווען מיין טאכטער איז אנגעקומען צו די עלטער פון שידוכים ביז איך געווען זיכער אז זי וועט ווערן א כלה איינס, צוויי. אין די ערשטע תקופה האבן די שדכנים טאקע געקלינגען און זיך נאכגעפרעגט, אבער ווען עס איז געקומען למעשה זענען די שידוכים נישט געווארן אויסגעפירט.

די זאך האט זיך געשלעפט און געשלעפט. עס איז אריבער נאך א חודש, נאך א יאר, מיין מיידל האט זיך געעלטערט און געעלטערט און די ישועה איז נאכנישט געקומען צו גיין.

אין יענע טעג האב איך אסאך איינגעריסן פאר איר. איך האב געזאגט תהלים און געמאכט סגולות און ענדליך האט מען מיר אנגעטראגן א פיינער זאך. די זאכן האבן זיך אנגעהויבן רוקן. מיר זענען געווען צופרידן פון די הצעה, אויך זיי זענען געווען צופרידן פון די הצעה און עס האט אויסגעזען ווי אט אט גייט מען שוין ברעכן טעלער.

די איבערראשונג איז געווען אויסטערליש גרויס. מיר זענען געווען אין די הימלען אבער יענער נאכט, א רגע איידער מען האט געדארפט צוגיין צו דער שידוך, האט דער שדכן אנגעקלינגען און געזאגט אז אין די לעצטע רגע האבן די מחותנים באקומען קאלטע פיס, זיי ווילן נישט די שידוך.

צו מיין צער איז נישט געווען קיין עק און קיין גרעניץ. איך האב שוין געזען די ישועה פאר מיינע אויגן, איך האב שוין געהערט די מזל טוב ווינטשן און דא אזא זעץ.

עס איז געווען ביינאכט, איך האב זיך געדארפט לייגן שלאפן, אבער איך האב נישט געקענט כאפן דעם שלאף. איך האב זיך געוואלגערט אין בעט פון צער, ווען מיינע מחשבות טראכטן אן אויפהער וואס קען איך טון.

אזוי טראכטנדיג וואס קען איך טון האב איך אנגעהויבן מאכן א שטיקל חשבון הנפש, וואו כ'האלט אויף די וועלט און וואס טוה איך נישט גוט? וועגן וואס קומט מיר די שוועריגקייט, מיר ווייסן דאך אז השי"ת איז דער אב הרחמן, אלעס וואס ער טוט איז לויטער גוטס, עס מוז זיין א סיבה פאר די ליידן.

אזוי טראכטנדיג האט מיר אויפגעבליצט א געדאנק. איך האב אנגעהויבן אריינטראכטן אין מיינע מחשבות און זיך געטראפן וויאזוי איך לעב טאג און נאכט נאר מיט מיר, איך טראכט אלעמאל פון וואס איך האב נישט, ווי עס גייט מיר נישט גוט, אבער איך טראכט קיינמאל נישט ווי גוט עס גייט מיר, איך פארגעס צו דאנקען הקב"ה פאר די גוטס וואס ער גיבט מיר.

מיטאמאל האב איך אנגעהויבן אנערקענען וויפיל גוטס השי"ת טוט מיט מיר, אז ער האט מיר געגעבן א ווייב, קינדער, געזונטע קינדער, א פרנסה, חברים, אלעס וואס כ'דארף.

אין יענע רגע האב איך זיך פארגענומען צוזאמען מיט מיין ווייב, אז פון היינט און ווייטער גייען מיר קוקן אויף די גוטע זייט, וואס איך האב יא, און נישט וואס איך האב נישט, און מכיר טוב זיין פאר הקב"ה און אים דאנקען פאר דעם.

מיט די סארט מחשבה האב איך זיך געלייגט שלאפן יענער נאכט.

גלייך, מארגן צופרי, קלינגט מיר אן דער שדכן.

"וואס האסטו געטון? וועלכע סגולה האסטו געמאכט"? האט ער געוואלט וויסן.

דער שדכן האט דערציילט אז פלוצלונג האבן זיי צוריקגעצויגן און זיי ווילן יא דעם שידוך.

"איך קען דיר זאגן פון מיין עקספירענס אז געווענליך ווען זיי זאגן ניין! ציען זיי נישט צוריק, אבער ביי דיר איז עס אנדערש. וואס האסטו געטון"? האט דער שדכן געוואלט וויסן.

"דאס איז דער סוד פון דאנקען", האב איך געענטפערט.

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# אויף וואס דארף א איד דאווענען ראש השנה?

אין די הייליגע טעג שטעלט זיך יעדער איד אוועק דאווענען פאר'ן רבוש"ע. יעדער איד האט זיך זיינע בקשות, אבער מיר מוזן געדענקען דעם עיקר און דאס זענען די תפילות אז די שכינה הק' זאל ווערן אויסגעלייזט, אז די כבוד השכינה זאל צוריק ווערן גאנץ, אז עס זאל זיין בשלימות.

עס איז ידוע די ווערטער פון דעם הייליגער זוה"ק וויאזוי ער באקלאגט זיך אז ווען עס קומט די טעג בעט א איד פאר פרנסה, און ווי ער דרוקט זיך אויס אז עס איז דומה צו וואס די הינט שרייען 'הב הב', און כידוע האט דער הייליגער בעלזער רב הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע געלערנט די זוהר יעדע יאר פאר די תקיעות.

די עיקר פון די תפילה דארף זיין אויף די פארלוירענע כבוד השכינה, מען דארף געדענקען אז דער רבוש"ע כביכול איז בצער, ער האט נישט קיין הויז און מיר דארפן דאווענען אויף איר.

ווען מען איז מעיין אין די תפילות פון די טעג זעט מען טאקע אז דער רוב פון די תפילות איז מיוסד אויף דעם. מען בעט דערויף און מען קלאגט אויף דעם ווי מיר זען פון די פיוטים וואס מען בעט על הר ציון ששמם, אדער די תפילה פון ועיקר האלוקים מושפלת עד שאול תחתיה און נאך תפילות וואו מען איז זיך מתחנן פאר'ן בורא סיי איבער דעם, און סיי בעט מען א בקשה אז די שכינה זאל שוין ווערן אויסגעלייזט פון די ביטערע גלות השכינה.

ווען מען איז זיך מתבונן אין פארגלייך צו אמאליגע צייטן זעט מען אז דער חוב איז שטערקער ווי אמאל. אין די פריערדיגע דורות זענען אידן געווען פאריאגט און פארפלאגט, מען האט געוואנדערט פון איין ארט צו די אנדערע, די גוים האבן געפייניגט און גע'רצח'ט, אבער היינט איז עס רואיגער און אין אזא צייט פאדערט זיך מער די תפילה, אז אין די צייט ווען מיר זיצן רואיג איז די שכינה אין גלות, זי וואנדערט אהין און אהער און מיר דארפן זיך דערוועקן דערצו און איינרייסן און מיטשפירן די נקודה.

## געדענקען די קרבנות

## די תפילה במקום קרבן

נאך א נקודה וואס איז וויכטיג צו געדענקען ביים דאווענען און שטארק משים לב זיין דערצו איז די נושא פון קרבנות. ווען מען דאווענט אינדערפרי דארף מען געדענקען אז פון די עיקרים וואס איז נוגע צו די עבודה איז די קרבנות, און אז מען זאגט זיי מיט כוונה איז מען זוכה אז מען ווערט נתרצה פאר הקב"ה.

די עבודה פון די הייליגע טעג דארף אויך געמאכט ווערן מיט גרויס שמחה. מיר דארפן זיך פרייען אז מיר האבן די זכיה צו לערנען, צו דאווענען, אז אפילו אז מיר זענען אזוי קליין, האבן מיר די זכיה צו דאווענען פאר'ן בורא כל העולמים און אים דינען און אז הקב"ה וויל אונזער תפילה און ווי מען זאגט ביים דאווענען 'ואביתה תהילה מקרוצי חומר' אז ווייל השי"ת האט אונז געוואלט מזכה זיין האט ער אונז געגעבן די מעגליכקייט צו דאווענען און דאס איז דאך א מורא'דיגע זאך, אז א ילוד אשה האט די זכיה צו דאווענען פאר אים, און דאס אליינס דארף דאך גורם זיין פאר'ן מענטש א שמחה עילאה און די שמחה וועט גורם זיין אז מיר זאלן קענען דאווענען און שטייגן אין תפילה העכער און העכער.

דער הייליגער אריה"ק האט שוין מגלה געווען אז ער איז אנגעקומען צו אלע מדריגות אין די וועלט דורך שמחה ווייל דורך שמחה ווערט מען נאנט צו הקב"ה און אז מען איז נאנט איז זיכער אז מען פועל'ט אלעס גוטס, און ווי חז"ל זאגן שוין אין קידושין [פב ע"א] אני נבראתי לשמש את קוני אינו דין שאתפרנס שלא בצער, אלא שהרעותי מעשי וקיפחתי את פרנסתי אבער ווער עס איז נאנט צום בורא כל העולמים איז זוכה צו האבן פרנסה בשפע און עס וועט אים קיינמאל נישט פעלן קיין שפע, און ווי דער פסוק זאגט אין תהלים [לד, יא] ודורשי השם לא יחסרו כל טוב.

## וואס וויל איך?

אויך ווען א איד בעט אויף גשמיות, אויף זיינע פריוואטע צרכים זאל ער זיך מתבונן זיין וואס איז די תכלית פון די גשמיות אויף וואס ער בעט און וואו וויל ער צוקומען מיט דעם, ווייל די שטרעבן פון יעדן איד איז דאך צו טון עבודת השם, אז ער זאל קענען לערנען, דאווענען, ווייל אן ערליכער איד איז דאך דא אויף די וועלט צו טון דער רצון השם, און מיט די ריכטיגע התבוננות קען מען אנקומען איבערצודרייען די גשמיות צו עבודת השם, אבער דאס געשעט נאר מיט א התבוננות.

אז מען איז זיך מתבונן אין די גשמיות און מען געדענקט אז אלעס איז מיט'ן מטרה פאר עבודת השם, קענען אפילו פשוט'ע זאכן ווערן איבערגעדרייט צו רוחניות.

דורכאויס די יאר איז דער מענטש פאריאגט און פארפלאגט און נישט אלעמאל האט ער די צייט אריינצוטראכטן אין דעם, אבער אין די גרויסע טעג, איז דא מער צייט און יעצט איז די פאסיגע צייט עס צו טון, ווייל אז מען מאכט א ריכטיגע התבוננות קומט מען אן צו די אנערקענונג אז אלעס איז עבודת השם.

איך געדענק אז מיין זיידע ז"ל איז געווען א ארבעטער, א יגיע כפיים, אבער זיין ערליכקייט איז געווען צו שטוינען. פון זיין פאך אויס איז ער איז געווען א סטאלער, ער פלעגט בויען טישן, בענק, פלעגט ער אייביג זאגן אז ווען משיח וועט קומען וועט ער איבערלאזן זיין ארבעט און פאר א יאר צייט וועט ער בויען טישן, בענק, טירן, פאר דער בית המקדש.

פון דא זעט מען וויאזוי אויך א פשוט'ער ארבעט קען ווערן איבערגעדרייט צו עבודת השם, ווייל אין יעדע זאך וואס א מענטש טוט אויף די וועלט באהאלט זיך אַן עבודה, ווייל יעדער איד האט זיך זיין תפקיד און אז מען מאכט די ריכטיגע התבוננות קומט מען אן דערצו, צו טרעפן די שליחות אין יעדן פרט ופרט פון דער לעבן.

און א איד דארף עס זוכן, ווי דער מסילת ישרים זאגט שוין אין אנהייב פון זיין ספר 'יסוד החסידות ושורש העבודה התמימה הוא, שיתברר ויתאמת אצל האדם מה חובתו בעולמו', ווייל יעדער איד האט א חוב אויף די וועלט, און די נקודה דארף מען אויסקלארן ראש השנה, אין אזא צייט דארף זיך דער איד דערמאנען אין זיין חובה אויף די וועלט און עס געדענקען מיט א קלארקייט, ווייל דורכדעם וועט מען זוכה זיין צו דינען הקב"ה מיט אן אמת.

מען דארף געדענקען אז ראש השנה איז דער יסוד פון דעם גאנצן יאר, אז אלעס ווענדט זיך אין ראש השנה און אז אויב מען וועט תשובה טון וועט מען זוכה זיין אז עס וועט מקויים ווערן דער פסוק 'טוב הארץ תאכלו' און אויב מען וועט עס נישט איינהאלטן וועט ליידער געשען די פארקערטע, אז מיר וועלן בלייבן מיט ליידיגע הענט פון אזא גשמיות.

אויסער דעם דארף מען בוחן זיין דער 'היש משכיל דורש את אלקים' דהיינו וועמען איז ער דורש, צי איז ער דורש די גשמיות, צי דער אלקים, צי וויל ער דעם בורא.

עס קען זיין אז דא ליגט אויך באהאלטן דער דערהער פון 'אם כבנים אם כעבדים', ווייל מען דארף זיך מתבונן זיין וואס איז מען און וואס איז מען דורש און וואו מען האלט אויף די וועלט, צי ווערט מען נענטער צי חלילה געשעט די פארקערטע.

# א לייכטע עצה צו זוכה זיין אינעם יום הדין

צום ארעסט־הויז זענען געפירט געווארן צען מענטשן, וועלכע זענען אלע געכאפט געווארן פארן זינד פון גנב'ענען. אין פארשידענע צימערן זענען די ארעסטירטע אריינגעלייגט געווארן, ווארטנדיג פארן טאג פון זייער משפט, ווען דער שופט וועט פסק'נען זייער אורטייל. ווען דער טאג פונעם משפט איז אנגעקומען, זענען זיי צוגערופן געווארן, איינער אויפאמאל, זיך צו שטעלן אינעם געריכט זאל פארן שופט.

דער שופט האט אויסגעהערט די ווערטער פון די עדים, אויך די טענות פונעם פארטיידיגער און פונעם באשולדיגער. ער האט אויסגעהערט וואס די באשולדיגטע האבן געהאט צו זאגן, און ער האט באשלאסן אז זיין אורטייל וועט ער איבערגעבן ערשט אויפצומארגנס.

וואו פארוואונדערט איז יעדער געווארן אויפצומארגנס, הערנדיג דעם שטראף וואס דער שופט האט באשטימט. דריי פון זיי זענען פאר'משפט געווארן צו א לאנגע צייט אין תפיסה, אונטער שווערע באדינגונגען, און די אנדערע זיבן ארעסטירטע – זענען ארויסגעגאנגען מיט זייער א לייכטן שטראף, בלויז צו כאפן עטליכע שמיץ, און צו פארשפרעכן אז זיי וועלן דאס מער קיינמאל נישט טון.

צום וואונדער פון די דריי שווער־פאר'משפט'ע, וועלכע האבן גע'טענה'ט: מיט וואס זענען מיר אנדערש פון אונזערע פריינט, וועלכע זענען אזוי לייכט באשטראפט געווארן, אינדערצייט וואס מיר ווערן אלע גע'משפט פארן זעלבן זינד?

האט דער שופט געענטפערט: איר זענט טאקע גערעכט, אז איר האט אלע גע'גנב'עט און איר זענט געכאפט געווארן. עס איז אבער דא א ריזיגער אונטערשייד צווישן אייער גניבה, צו די גניבה פון אייערע פריינט!

די זיבן גנבים, זענען פשוט'ע און נידעריגע מענטשן, וועלכע פארמאגן נישט קיין שום גדולה, און אנטקעגן זייער נידעריגן מצב – איז דאס זייער אורטייל.

איר אבער – זענט גאר חשוב'ע און געהויבענע מענטשן! איינער פון אייך איז באוואוסטער גרויסער סוחר, דער צווייטער איז א באוואוסטער כלל־טוער וועלכער באזוכט אפט אין די פאלאצן פון הערשער און שרים, און דער דריטער איז א פאליציי־הויפט וועלכער געוועלטיגט איבער אסאך מענטשן, און געבט אליין אכטונג אויפן סדר און משפט. וואלט איר אוודאי געדארפט אכטונג געבן פילפאכיג אויף דאס וואס איר טוט, און דעריבער איז אייער אורטייל אסאך הארבער, ווי פון די פשוט'ע גנבים.

ווייל אזוי איז עס. וואס מער דער מענטש איז פשוט, נידעריג און באשיידן, אזוי איז אויך זיין אורטייל צוגעפאסט צו זיין מצב – לייכטער, גרינגער און פארגעבעדיג.

ווען מיר דערנענטערן זיך צום יום המשפט הבא עלינו לטובה, ווי פאסיג איז אז מיר זאלן זיך ארויסלערנען א מוסר השכל פון אט דעם משל, און פארשטיין אז אויך ביים משפט פונעם בית דין של מעלה – וואס מער דער מענטש איז פשוט און באשיידן, אזוי ווערט אויך גע'פסק'נט זיין אורטייל, אז מען רעכנט זיך מיט אים פונקט אזוי ווי ער קוקט זיך אליין אן, און מען געבט אים רחמים, חסדים און מחילת עוונות.

רבי יצחק האט געזאגט, יעדע יאר וואס איז ארים אין איר אנהייב, ווערט רייך ביי איר ענדע, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה" (ראש השנה ט"ז). איז רש"י מפרש אז דאס מיינט, א יאר וואס אידן מאכן זיך ארים אום ראש השנה, און בעטן זיך מיט תחנונים און תפילה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "תַּחֲנוּנִים יְדַבֶּר רָשׁ". און די תוספות זענען מפרש, אז וויבאלד די אידן זענען ארים, ווערט זייער הארץ צובראכן, און מען האט רחמנות אויף זיי פון הימל.

דאס איז די פשוט'ע און גרינגע עצה זוכה צו זיין ביים יום הדין, זיך צו מאכן ווי אן ארימאן, דורכן זיך האלטן קליין מיט א צובראכן הארץ. נישט קוקן אויף יענעם מיט גאוה און שטאלץ, נאר זיך פילן ארים און קליין מער ווי יעדער איינער, און דורכדעם "מרחמין עליהם מן השמים".

עס ווערט געברענגט אין נאמען פון דער "אמרי חיים" זיע"א, אז צוויי מאל זאגן מיר "קָרוֹב ה'", "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו", און "קָרוֹב ה' לְנִשְׁבְּרֵי לֵב". און ער געבט צו פארשטיין: ווען איז קרוב ה' לכל קוראיו? נאר מיטן תנאי אז "יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת", מיט אן אמת'ע תפילה מיטן גאנצן הארץ. אבער "קרוב ה' לנשברי לב", דאס איז פאר יעדן איינעם, אן קיין תְּנָאִים, און אזוי זאגט אויך דער פסוק "לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה".

אויך אין זוהר הקדוש ווערט ערקלערט, אז עס זענען דא דריי סארטן 'תפילה' – עס איז דא "תְּפִלָּה לְמֹשֶׁה", "תְּפִלָּה לְדָוִד" און "תְּפִלָּה לְעָנִי". דוד המלך האט פארשטאנען אז די תפילה פון משה איז די חשוב'סטע תפילה, אבער נאכדעם האט ער געזען אז די תפילה פון דוד האט א ספעציעלע מעלה, אבער צום סוף האט ער איינגעזען אז די תפילה פונעם ארימאן איז די חשוב'סטע און ווערט די מערסטע אנגענומען, און דעריבער האט ער אויסגעוועלט נאר אין דעם, ווייל די תפילה פונעם ארימאן, איז א תפילה פון א צובראכן הארץ, און עס קומט פון די טיפענישן פונעם הארץ, און דעריבער טוט דער אויבערשטער די מערסטע ליבהאבן אזא תפילה.

"כְּדַלִּים וּכְרָשִׁים דָּפַקְנוּ דְלָתֶיךָ", הייבן מיר אן די סליחות. מיר האבן נישט קיין מעשים, מיר האבן טאקע נישט מיט וואס צו צוגיין צום יום הדין, אבער איין פשוט'ע עצה האבן די צדיקי הדורות אונז געגעבן: "יִשְׂרְאֵלִים עוֹשִׂין עַצְמָן רָשִׁים בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה", מיר פילן זיך ווי ארימעלייט וואס האבן גארנישט, מיר זענען גארנישט ווערד, מיר זענען פשוט'ע און גאר נידעריגע מענטשן, מיר שטרעקן אויס א פארשעמטע האנט צו בעטן חסד און א נדבה, און דאס איז די וועג וואס איז די מערסטע באוויליגט פארן אויבערשטן.

מיר גייען יעצט אריין אין די טעג פון תשובה. עס זענען דא אסאך וועגן זוכה צו זיין צו תשובה. פאלגנד איז א פשוט'ע און גאר לייכטע וועג צו זוכה זיין צו תשובה שלימה:

עס איז באוואוסט אז דער עיקר פון תשובה איז אין הארץ, און דער סימן פון דעם איז די שמחה. ווייל פון אלע תשובות וואס זענען דא אויף די וועלט, איז דאס בעסטע וועג, וואס איז אימשטאנד צו ריינער פון אלע ערליי זינד, דאס אויסהאלטן דאס שאנד, און דאס איז בעסער פון אלע סארטן קלעפ און פייניגונגען פון תעניתים איף דער וועלט, ווייל אויב וועט זיך דער מענטש בלויז פייניגן, וועט ער געשטערט ווערן פון לערנען... אבער דורכדעם וואס ער וועט אננעמען שאנד אין שווייגעניש, וועט ער קענען עסן און טרינקען, און זיינע זינד וועלן פארגעבן ווערן (בית אהרן דף קנט: בשם הגאלאנטי).

דארט אינעם מאמר פון רבי יצחק, אין די גמרא אין מסכת ראש השנה, זאגט רבי יצחק ווייטער, אז מען טוט נישט משפט'ן דעם מענטש, נאר לויט זיינע מעשים אין יענער צייט, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "כִּי שָׁמַע אֱלֹקִים אֶל קוֹל הַנַּעַר בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם" (און אזוי ווערט דארט געברענגט אין רש"י).

דער מאמר איז א געוואלדיגער חיזוק פאר אונז שטייענדיג אום ראש השנה, אז אפילו דער רשע ישמעאל וועלכער האט עובר געווען הארבע עבירות און האט געוואלט הרג'נען יעצט, אז עס זאלן מער נישט זיין קיין אידן חלילה, און די מלאכים האבן מקטרג געווען אויף אים און געזאגט "דער וואס זיינע קינדער וועלן מאכן דיינע קינדער שטארבן פון דארשט אינדערצייט פונעם חורבן בית המקדש, ברענגסטו ארויף פאר אים א ברונעם", ענטפערט זיי דער אויבערשטער, אן ענטפער וואס איז פאר אונז א לימוד לדורות: "בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם"! וואס איז ער אין דער יעצטיגער צייט, א צדיק אדער א רשע? יעצט איז ער א צדיק! און עס איז דאך נישטא קיין גרעסערער צובראכן הארץ ווי איינער וואס האלט ביים שטארבן פון דארשט – וועל איך אים ראטעווען.

זיכער וועט דער אויבערשטער קוקן אויף אונז מיט זיין גרויס רחמנות, אינדערצייט וואס מען עפנט די דריי ספרים, און ער זעט אונז "באשר הוא שם" – יעצט בין איך א צדיק, שטייענדיג פאר אים איינגעבויגן, מיט א צובראכן הארץ און דערנידערט – און דער אויבערשטער וועט אונז פארשרייבן אינעם ספר פון די צדיקים לאלתר לחיים טובים, צו א שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה.

עס איז דא א באקאנטע קשיא, פארוואס זאגט מען א טאפלטן לשון "שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה", ווייל לכאורה אויב וועט עס זיין א שָׁנָה טוֹבָה, א גוטע יאר, וועט עס זיכער אויך זיין מְתוּקָה, א **זיסע**. [דער נוסח אין טור ושו"ע (סי' תקפ"ג, סעיף ב') איז "שָׁנָה מְתוּקָה", אבער אין **חיי אדם** (סי' קל"ט סעיף ו') און אין **מטה אפרים** (סי' תקפ"ג, סעיף א') איז דער נוסח "שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה", און אזוי איז אויך דער נוסח אין די מַחְזוֹרִים].

נאר, דער אונטערשייד צווישן 'גוט' און 'זיס' איז, אז טוב-גוט איז עפעס וואס גייט ארויף אויפן זאך אליין, און מתוק-זיס איז עפעס וואס האט צו טון מיטן געפיל פונעם מענטש, און דער טעם וואס ער פילט.

אמאל זעען מיר עפעס וואס איז גוט אבער מען פילט נישט איר זיסקייט, און כאטש מצד האמת איז עס גוט, אבער אנטקעגן די אויגן פון מענטשן איז עס שלעכט. אזוי ווי די גמרא זאגט אין מסכת תענית (כא.) אז **נחום איש גם זו** פלעגט זאגן ביי יעדער זאך וואס איז געקומען אויף אים: "**גם זו לטובה**". דאס הייסט אז עס קען זיין עפעס וואס אלס דער אמת וואס מען ווייסט אויבן איז עס גוט, אבער לויט אונזער טעם און לויט וויאזוי מיר קוקן עס אן דא אונטן, איז עס שלעכט און שווער!

דעריבער נוצן מיר א טאפלטן לשון, און מיר זאגן ארויס קלאר: "שָׁנָה טוֹבָה וּמְתוּקָה", דאס הייסט אז עס זאל זיין א יאר וואס מען פילט קלאר איר זיסקייט און מען זעט עס מיט די אויגן, און נישט עפעס וואס מיר וועלן דארפן בלויז גלייבן אז עס איז גוט און זאגן "גם זו לטובה", נאר א קלארע גוטס וואס מען שפירט און מען אנערקענט מיט די פליישיגע אויגן.

אזוי געפינען מיר אויך, אז מען נעמט א **זיסן** עפל און מען טינקט עס איין אין האניג (טור ושו"ע סימן תקפ"ג סעיף ב'), און אייגנטליך דארף מען דאך פארשטיין, פארוואס דארף מען זיס-מאכן עפעס וואס איז שוין אליין זיס, פארקערט, זאל מען נעמען א זויערן עפל און עס מאכן זיס מיטן האניג.

נאר דער זאך איז, אז אמאל קען זיין אז אייגנטליך איז עס טאקע 'טוֹבָה וּמְתוּקָה', מען זעט קלאר אז עס איז גוט און עס איז אויך זיס צום טעם – אבער פונדעסטוועגן ווערט זי באגלייט מיט זייטיגע ווייען... מיט זייטיגע עגמת נפש, אדער אינערליכע יסורים, וועלכע שטערן פארן מענטש פון צו פילן דעם פולשטענדיגן זיסקייט בשלימות.

דעריבער נעמען מיר דווקא א **זיסן** עפל, און אויב דאס איז נישט גענוג, נעמען מיר עס און מיר טונקען עס איין אין האניג, צו זאגן אז די יאר וועט זיין בשלימות און זיס, אויך פון אלעס ארום און ארום, און עס וועט זיין איינגעטינקען ארום און ארום מיט האניג, און עס וועט ארויפקומען לרצון פארן הייליגן באשעפער, אמן כן יהי רצון.

-> • <-

# יהי רצון מלפניך שתחדש עלינו שנה טובה ומתוקה

## די יאר וואס האט זיך אנגעהויבן מיט נישט־גוטע סימנים — און האט זיך איבערגעדרייט לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה!

די ערשטע נאכט פונעם הייליגן יום טוב ראש השנה, אינעם הייליגן הויז פונעם צדיק המקובל **רבי סלימאן מוצאפי זצוק"ל**. אלעס איז גרייט צו ענטפאנגען דעם גרויסן און פארכטיגן יום הדין מיט א הייליגן ציטער. דער הויז איז ריין און בליטשקעדיג. די שניי־ווייסע טישטוכער זענען הערליך אויסגעשפרייט, אלע שטוב־מענטשן זענען אנגעטון אין ריינע ווייסע קליידער לכבוד יום טוב, און דאס גאנצע הויז זאגט ארויס הייליגקייט!

און אט קערט זיך צוריק דער צדיק פונעם בית המדרש. זיין הייליגע געזיכט שיינט מיט א הימלישע ליכטיגקייט, און מיט רואיגקייט בענטשט ער דעם הויזגעזינד פאר א **גוט געבענטשט יאר**, פאר יעדן איינעם באזונדער. דערנאך זאגט ער פאר זיין חשוב'ע רעבעצן די צדקנית אז זי זאל צינדן די ליכט לכבוד דעם הייליגן יום טוב.

**אבער, אוי!** ווי נאר די חשוב'ע רעבעצן האט געענדיגט טון די מצוה פון צינדן ליכט, האבן זיך פלוצלונג אלע ליכט פארלאשן אויפאמאל! עס האט אויסגעזען ווי עפעס א פארהוילענע האנט האט א מאך געטון איבער די ליכט, זיי צו פארלעשן! די רעבעצן, אזוי ווי אלע אנדערע שטוב-מענטשן, איז געווארן זייער דערשראקן, עס איז נאך קיינמאל פריער נישט געשען אזא זאך צו זיי! ווען זיי האבן אבער געקוקט אויפן הייליגן רב, וועלנדיג זען זיין רעאקציע, האבן זיי געזען אז ער זעט אויס זייער רואיג, און נישט נאר דאס, נאר ער האט אויך לייכט געשמייכלט, און ער האט געזאגט: נו, אויב די ליכט האבן זיך פארלאשן, צינדט מען עס צוריק אן...

ווען די חשוב'ע רעבעצן האט געענדיגט אנצינדן די ליכט צום צווייטן מאל, אין באגלייטונג פון פילע תפילות און תחינות מיט הייסע טרערן, האט דער הייליגער צדיק זיך גענומען גרייטן צו מאכן קידוש. ער האט גענומען דעם פלאש ווייַן אין האנט, און אנגעפילט דעם בעכער ביז אויבן, און דערנאך האט ער צוגעגאסן וואסער דריי מאל, כַּיָּדוּעַ לְיוֹדְעֵי חֵן.

די משפחה זענען אלע געשטאנען ארום דעם טיש, מיט גרויס שטילקייט און מיט יראת הכבוד, גרייט יוצא צו זיין דעם מצוה פון קידוש. דער רב האט גענומען אין האנט דעם פולן בעכער, און פאר א קורצער רגע פארמאכט זיינע אויגן, און שוין געוואלט אנהייבן מאכן קידוש.

**פלוצלונג** וויי! דער בעכער האט זיך געגעבן א גליטש ארויס פון זיין האנט, און זיך איבערגעדרייט אויפן געדעקטן טיש, און די גאנצע ווייַן האט זיך אויסגעגאסן איבערן שיינעם ווייסן טישטוך! ווי א פארהוילענע האנט וואלט געשטופט דעם בעכער און עס ווילנדיג אויסגעגאסן! די הויזגעזינד זענען זייער דערשראקן געווארן. זייער הארץ איז איינגעגאנגען פון שרעק, זיי האבן קיינמאל נישט געדענקט אזא געשעעניש אין זייער הויז!

אויך יעצט האבן זיי זיך שנעל געווענדן מיט זייערע בליקן צום הייליגן רב וואס איז געשטאנען אין שפיץ פונעם טיש. ער האט אויך יעצט אויסגעזען רואיג און צופרידן, אזוי ווי עס וואלט גארנישט געשען... מיט א סודות'פולן שמייכל האט ער זיך געווענדן צו זיין הויזגעזינד, און מרמז געווען אז מען זאל ברענגען אן אנדער טישטוך...

נאכן טוישן דעם טישטוך און צוגרייטן נאכאמאל דעם יום-טוב'דיגן טיש, האט דער הייליגער רב געמאכט קידוש בדחילו ורחימו, און דערנאך האט ער זיך גענומען גרייטן מקיים צו זיין דעם הייליגן מנהג פון איינטינקען דעם **זיסן עפל אין האניג**. ער האט גענומען דעם עפל אין האנט, און עס איינגעטינקען אין האניג.

**און דא, אוי וויי!** ווי נאר דער עק פונעם עפל איז אריינגעגאנגען אינעם האניג, האט זיך פלוצלונג דער שיסל מיט האניג איבערגעדרייט, און דאס גאנצע האניג האט זיך אויסגעגאסן אויף דער ערד! אזוי ווי עפעס א פארבארגענע האנט האט עס דווקא איבערגעקערט! די שטוב-מענטשן זענען דערשראקן געווארן זעענדיג שוין די דריטע שטרויכלונג וואס קומט פאר אין דעם הייליגן און פארכטיגן נאכט!

זייער הארץ האט געטרייסלט פון שרעק: וואס גייט דא פאָר? אבער אויך יעצט, האט דער הייליגער רב בכלל נישט אויסגעזען באזארגט. זיין באשטימטע רואיגקייט איז

נישט אוועקגעגאנגען פון אים, און מיט א רואיגן שטימע האט ער געזאגט: נו, אויב דער שיסל האניג האט זיך אויסגעליידיגט, זאל מען עס צוריק אנפילן...

די יום-טוב'דיגע סעודה פון יענעם ראש השנה ביינאכט, האט זיך ווייטער געפירט מיט גרויס שרעק פון די הויזגעזינד. מען האט דערלאנגט די מאכלים מיט גרויס פארזיכטיגקייט, און די אנוועזנדע האבן געדעדט צווישן זיך, אז עפעס נישט גוט פאסירט דא... די אטמאספער איז געווען זייער אנגעצויגן, וויבאלד די שווארצע סימנים זענען געווען צו קלאר! וויבאלד די גמרא זאגט דאך קלאר (כריתות ו. הוריות יב.) אויף אנהייב פונעם יאר אז "סִימָנָא מִילְּתָא"! ווער ווייסט וואספארא יאר ווארט אונז אפ, זאל דער אויבערשטער רחמנות האבן, מיר דארפן פארגיסן אסאך תפילות און תחינות – האבן זיי גערעדט צווישן זיך, מיט גרויס זארג.

"יעדער" – אויסער דעם הייליגן רב אליין! ער איז געבליבן רואיג און גליקליך, און ער האט נישט אכט געלייגט אויף אלע מאדנע געשעענישן וואס זענען פארגעקומען ביי אים אינדערהיים, און עס האט אויסגעזען ווי ער נעמט זיך בכלל נישט צום הארצן דערפון! ווען די הויזגעזינד האבן אים געפרעגט דערוועגן, האט ער אלעס אוועקגעמאכט, און ער האט געזאגט: וואס איז שוין דען געשען? עס איז גארנישט! ברוך השם, מיר האבן נאך וויין, עפל און האניג! און אויך די ליכט האט מען ב"ה געקענט צוריק אנצינדן...

א גאנצע יאר איז דורכגעגאנגען לחיים ולשלום, ברוך השם, אן קיין שום שטרויכלונג און דורכפאל, און ווידעראמאל שטייט שוין דער הייליגער יום טוב ראש השנה ביים שוועל!

ביי די סעודת יום טוב פון ראש השנה, האט דער הייליגער רב איבערראשט זיין הויזגעזינד, פרעגנדיג: צי געדענקט איר די סעודה פון דער נאכט פון ראש השנה, פאראיאר?

א וואלקנדל פון טרויער איז דורכגעגאנגען איבערן געזיכט פון די אנוועזנדע, זאגנדיג: "אוי, דערמאן אונז ביטע נישט יענע סעודה – עס איז פשוט געווען א שווארצע סעודה"!

דער רב האט זיי אבער נישט געלאזט טוישן דער טעמע. מיט זיין קלוגשאפט האט ער זיך געמאכט תמ'עוואטע און געפרעגט: פארוואס א שווארצע? לאמיר אריינטראכטן א מינוט, און זען וויאזוי די פארגאנגענע יאר איז דורכגעגאנגען אויף אונז, קוקט, מיר זענען ב"ה אלע געווען געזונט, מיר האבן געהאט פרנסה בשפע, הודו לה', און עס איז אונז אויך בחסדי השי"ת געלונגען צו באצאלן אלע געהאלטן פון די יונגעלייט אין ישיבה, חֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ, אן קיין אפהאלט! אויב אזוי, וואס איז געווען שווארץ דעם יאר?

וויסן זאלט איר, האט דער רב געגעבן צו פארשטיין, די אלע געוואלדיגע חסדים איז געטון געווארן מיט אונז, דורכדעם וואס איך האב אלעס מקבל געווען באהבה און בתמימות! דורכדעם וואס איך האב בשום אופן נישט געלאזט פארן זארג און פארן עצבות אריינצודרינגען אין מיין הארץ, און עס נישט געלאזט אנרירן מיין שטארקער בטחון אינעם גרויסן באשעפער, נאר ביי יעדער געשעעניש האב איך געזאגט מיטן גאנצן הארץ, אז זיכער איז עס געטון געווארן פון הימל נאר לטובה ולברכה!

**"טאקע דאס זעלבסט איז געווען דער נסיון", האט דער רב אויסגעפירט, "ווייל דער שטן האט אונז געוואלט אריינברענגען אין עצבות און כעס, און ערוועקן ספיקות אין אמונה און בטחון, חס ושלום [אזוי ווי עס איז באוואוסט אז כעס אום ראש השנה איז א שלעכטער סימן, ווי עס ווערט געברענגט אין חיי אדם סימן קל"ט סעיף ו' און אין משנה ברורה סימן תקפ"ג סעיף ה', און נאך] – אבער דורכדעם וואס בחסדי השי"ת האב איך זיך מתגבר געווען אנטקעגן אים, און איך האב אלעס אנגענומען באהבה און בתמימות, און איך האב נישט מהרהר געווען נאכן אויבערשטן, און נישט געהאט קיין שום טענה כלפי מעלה – אין דעם זכות איז אלעס איבערגעדרייט געווארן פאר אונז צום גוטן"!**

**[פרטית – כ"ז שבט תשע"ג]**

->•<-

# אראפגעברענגט מלאכי עליון אויף דער וועלט — ביים זאגן "וּמַלְאָכִים יֵחָפֵזוּן"

הרה"ק **רבי יצחק אייזיק קאליבער** זצוק"ל האט אמאל געדארפט האבן א גרויסער סומע געלט פאר די הייליגע מצוה פון פדיון שבויים, און ווי דער שטייגער פון די צדיקים אין יענע צייטן, האט זיך דער הייליגער צדיק אליין מטריח געווען און זיך ארויסגעלאזט איבער די דערפער און שטעטלעך אינעם געגנט, וועלנדיג מְזַכֶּה זיין יִשְׂרָאֵל קְדוֹשִׁים אנטיילצונעמען אין אט די חשוב'ע און טייערע מצוה.

אנקומענדיג אין איינע פון די דערפלעך, איז דער צדיק איינגעשטאנען ביי א גרויסער עושר, א פשוט'ער אבער זייער ערליכער איד, וועלכער האט זיך זייער שטארק געפריידט צום הייליגן און חשוב'ן גאסט, און האט אים מכבד געווען מיטן גאנצן הארץ.

ווי נאר די באלעבאסטע האט געזען דעם הייליגן צדיק, ביים אנגרייטן די ברייטע סעודה לכבודו פונעם הייליגן גאסט, איז זי דערציטערט געווארן, און האט געזאגט צו איר מאן מיט באגייסטערונג: "דאס איז דאך דער צדיק, וועלכער דאווענט אלעמאל פארן עמוד אום ראש השנה און יום הכיפורים ווען מיר פארן אין שטאט אריין, קיין קאליב"!

"אזוי ווי דו זאגסט"! – האט דער מאן צוגעשטימט צו אירע ווערטער, "דאס איז דער באוואוסטער צדיק פון קאליב, וועלכער האט זיך יעצט ארויסגעלאזט אויף א ספעציעלע נסיעה, צו זאמלען געלט פאר די מצוה פון פדיון שבויים"!

די פרוי האט זיך אביסל פארטראכט, און דערנאך האט זי געזאגט צו איר מאן: הער מיר אויס מיין טייערער מאן, יעדן יאר ווען מיר געפינען זיך אינעם הייליגן בית המדרש אין קאליב אין די הייליגע טעג, ווער איך ממש צוגאנגען ווען דער צדיק עפנט אויף זיין הייליג מויל און לאזט הערן דעם הייליגן געזאנג פון "ונתנה תוקף", ווען ער זאגט עס מיט אזא געוואלדיגע התרגשות און מיט מורא'דיגע בכיות, וועלכע מאכן צוגיין יעדן הארץ וואס הערט עס!

יעצט, ווען איך האב געזען דעם הייליגן געזיכט פונעם צדיק, און מיר האבן זוכה געווען אז ער האלט זיך אויף אין אונזער הויז, וואלט איך געהאט גרויס חשק צו הערן פון זיין מויל דעם הייליגן וואונדערליכן געזאנג פון "ונתנה תוקף"...

דעריבער, האט די פרוי אויסגעפירט, לאמיר פארשלאגן פארן צדיק א גוטן געשעפט, געלט פעלט אונז דאך נישט ברוך ה' – אויב וועט דער צדיק מסכים זיין צו זינגען פאר אונז דעם וואונדערליכן 'שטיקל' פונעם מחזור, וועלן מיר אים צושטעלן דעם גאנצן סומע וואס ער דארף האבן, און אזוי וועט ער זיך איינשפאָרן אסאך צייט און טירחא פון זיך שלעפן איבער די שטעטלעך פון די סביבה, און אויך אונז וועלן האבן די זכיה צו הערן נאכאמאל די געשמאקע געזאנגען פון "ונתנה תוקף" וואס ערוועקט יעדן סטרונע פונעם הארץ און זעל!

אויף פארן מאן האט זיך דאס געהערט ווי א גוטן פלאן, און ער איז אריינגעגאנגען צום הייליגן צדיק, און האט אים פארגעשלאגן דעם געשעפט.

ווען דער הייליגער **רבי אייזיקל קאליבער** האט דאס געהערט, האט ער שטארק געצווייפלט וואס צו טון. פון איין זייט ווייסן מיר דאך אז עס איז נישט ריכטיג צו זינגען די נוסחאות פון די הייליגע טעג, סתם אזוי אינמיטן יאר, אבער פון די אנדערע זייט איז אים זייער וויכטיג אנצוקומען צום פארגעשלאגענעם סומע, און אויב וועט ער יעצט זינגען דעם "ונתנה תוקף" וועט ער זיך איינשפאָרן גאנצע וואכן פון שווערע טירחא, נישט דארפנדיג פארן איבער די וועגן פאר וואכן לאנג!

**רבי אייזיקל** האט געבעטן פונעם בעל אכסניא אז ער וויל זיך אביסל איבערטראכטן, און מארגן אינדערפרי וועט ער אים געבן זיין ענטפער, צי ער איז גרייט אנצונעמען זייער פאָרשלאַג.

דעם קומענדיגן אינדערפרי, ווען דער בעל הבית איז אריינגעקומען הערן דעם ענטפער פונעם צדיק, האט אים דער רבי געזאגט: איך האב איבערגעטראכט דער זאך, און וויבאלד איך בין צוגעוואוינט אז זאגנדיג די תפילה פון "ונתנה תוקף", ביי די ווערטער פון "וּמַלְאָכִים יֵחָפֵזוּן וְחִיל וּרְעָדָה יֹאחֵזוּן", קומען צו גיין פאר מיר אסאך ברענענדיגע מלאכים פון הימל, זיך

צו באטייליגן מיט מיר מיטן חֶרְדַת הַדִין!

אויב וועל איך יעצט זינגען דעם "ונתנה תוקף", האט דער צדיק ווייטער געזאגט צום ערשטוינטן בעל הבית, וועל איך דאך מטריח זיין די הייליגע מלאכים אראפצוקומען, הערנדיג די ווערטער "ומלאכים יחפזון".

**"דעריבער, שעם איך זיך זייער שטארק, צו מטריח זיין די מלאכי עליון אראפצוקומען דעם שרעקליכן ווייטקייט פון דארט ביז דא און אראפקומען דא אונטן, צוליב געלט"!**

**[פרטית – י"ב חשון תשע"א]**

->•<-

# דער טשעבינער רב האט זיך געזעצט און אפגעשריבן דעם גאנצן מחזור פון ראש השנה און יום הכיפורים, פון זיין זִכָּרוֹן!

דער באוואוסטער גאון שר התורה **גאב"ד טשעבין זצוק"ל**, בעל **'דובב מישרים'**, האט געוואוינט אינעם **שערי חסד** געגנט אין ירושלים עיר הקודש.

צווישן די פילע תלמידי חכמים וועלכע האבן זיך שטענדיג געדרייט ביי אים, זענען געווען הרב הגאון **רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל**, און זיין ברודער הרב הגאון **רבי רפאל דוד זצ"ל**, די קינדער פון הגאון הצדיק **רבי חיים לייב אויערבאך זצ"ל**, ראש ישיבת **שער השמים** וועלכע האבן געוואוינט דארט בשכינות.

זיי זענען געווען בני בית ביי אים און זענען געווען זייער נאנט צו אים, און פלעגן צוזאמען ארויפקומען צו זיין הויז יעדן וואך אום מוצאי שבת קודש, ווען ער האט זיך געזעצט צום סעודה פון מלוה מלכא וואו זיי האבן מקבל געווען פון אים טייערע ווערטער און סיפורי צדיקים פון די פריערדיגע צדיקים, וואס ער האט מקבל געווען פון אנשי אמת.

זייענדיג בני בית ביי אים, זענען זיי אויך געווען באהאוונט אין זיין גרויסן אוצר הספרים, קענענדיג פילע זעלטענע ספרים וואס דער טשעבינער רב האט פארמאגט. איין קליין שאפע איז אבער געווען אינעם ווינקל פון זיין צימער, וואס איז אלעמאל געווען פארשלאסן, און דער שליסל דערפון האט זיך געפינען ביים רב, כדי מען זאל עס נישט קענען עפענען.

דארט אינעם שאפע האט זיך געפינען דער בית גנזיו פונעם רב, דארט האט ער געהאט כתבי ידות פון פריערדיגע צדיקים, און נאך ווערדפולע ארטיקלען. די חשוב'ע ברידער זענען אלעמאל געווען זייער נייגעריג וועלנדיג זען וואס עס געפינט זיך דארט אינעם פארשלאסענעם שאפע, אבער דער טשעבינער רב האט זיי אלעמאל אפגעשטופט.

נאר נאך זיין פטירה, ווען זיין ריזיגע אוצר הספרים איז אריבערגעפירט געווארן פון זיין הויז, צום גרויסן אוצר הספרים פון זיין ישיבה, די ישיבה **"כוכב מיעקב"** טשעבין, וואו עס געפינט זיך ביז יעצט, האבן די ברידער מיטגעהאלטן וואו מען עפנט אויף דעם געהיימניספולן שאפע, און זיינע טייערע אוצרות האבן זיך אנטפלעקט פאר זיי.

האט הגאון **רבי רפאל דוד** דערציילט, אז אין איינע פון די קאנווערטן וואס האבן זיך דארט געפינען, זענען געלעגן עטליכע אלטע פארגעלטע געשריבענע בלעטער מיטן הייליגן האנטשריפט פונעם טשעבינער רב, וואו עס איז געווען געשריבן אין קליינע צושטופטע ווערטער, **דעם גאנצן מחזור פון ראש השנה און יום הכיפורים**! איבער מאדנע אלטע בלעטער...

שפעטער האט מען אויסגעטראפן, אז ווען דער טשעבינער רב האט זיך געפינען פארוואגלט ווייט אוועק אין **סיביר**, איז אויך זיין שוועסטער פארוואגלט געווען אין דער זעלבער צייט, און אין איינס פון אירע בריוו האט זי אויסגעדריקט צו אים איר זארג, אז וויבאלד עס געפינען זיך נישט דארט קיין 'מחזורים', ווייסט זי נישט וויאזוי וועט דאווענען אין די קומענדיגע הייליגע טעג!

האט דער טשעבינער רב צוזאמגעקליבן ליידיגע זעק פון צעמענט, וועלכע זענען דארט געווען ציוואָרפן... און אויף די אנדערע זייט פון די זעק האט ער אפגעשריבן דעם גאנצן סדר פונעם מחזור פון ראש השנה און יום הכיפורים, ווארט ביי ווארט, פון אויסנווייניג! בלויז פון זיין אוצר הזכרון! אריינגערעכנט אלע פיוטים און אלע 'קליינע אותיות', וַיְהִי לְפֶלֶא!

**[פרטית – י"ד אייר תשע"ג]**

->•<-

# דאס מקרב זיין ב"ים קידוש אום ראש השנה, וואס האט איפגעלעבט דעם נפש פונעם בחור!

עס האט מיר דערציילט אן איש נאמן, א חשוב'ער יונגערמאן און גרויסער תלמיד חכם, אז אלס בחור איז ער געווען איינער פון די שוואכסטע בחורים אין ישיבה, נישט זעענדיג קיין סאך הצלחה אין זיין לערנען. ער איז אלעמאל געווען אנגעוויזן פאר אסאך הילף אין לערנען. ווי עס זעט אויס, איז צוזאמען מיט זיין שוואכע כשרונות אויך אפגעשוואכט זיין זעלבסטזיכערקייט, און ער האט נישט געגלייבט אז ער איז אימשטאנד צו שטייגן אזוי ווי עס דארף צו זיין.

אין איינע פון די יארן, אינעם גרויסן יום טוב פון ראש השנה, איז ער געגאנגען דאווענען אין די ישיבה גדולה **"באר יעקב"**, זיך צו משתתף זיין ביי די זיסע און הימל-שפאלטנדע תפילות פון הגאון הצדיק **רבי משה שמואל שפירא זצ"ל**, וועלכער איז באוואוסט געווען אלס געוואלדיגער בעל רגש, און פלעגט שטארק הייבן דעם קהל אין די הייליגע טעג.

נאכן דאווענען, איז אפגעראכטן געווארן א גרויסער 'קידוש' לכבוד יום טוב פאר אלע מתפללים, אינעם עס-זאַל פון די ישיבה. ווי נאר מען האט געענדיגט דאווענען, האט זיך דער ציבור אריינגעלאזט אינעם גרויסן זאל, און יעדער איינער האט זיך געכאפט א פלאץ צום גרויסן קידוש.

אבער אונזער בחור, דער אורח, צוליב זיין גרויסן בושה און באשיידנקייט, האט זיך נאכגעשלעפט נאך אלע אנדערע מענטשן, און ווען ער איז אנגעקומען אינעם עס-זאַל האט ער געזען צו זיין באדויערן, אז אלע ערטער זענען שוין פארכאפט, אזוי אז פאר אים איז שוין נישט געבליבן קיין פלאץ.

אויך ווען ער האט זיך געזוכט עפעס א בענקל צו זיצן אן א טיש, האט ער געזען עס איז שוין נישט געבליבן אינעם גאנצן זאל אפילו איין ליידיג בענקל. איז ער אזוי געבליבן שטיין אין זייט מיט גרויס בושה און פארלעגנהייט, זוכנדיג א וועג ארויס פונעם פלאנטער, ביז ער האט באשלאסן אז ער וועט צוריק אהיימגיין און מוותר זיין אויפן קידוש!

פונקט ווען ער האט שוין געהאלטן ביים ארויסגיין פונעם זאל, איז ערשינען דער חשוב'ער ראש הישיבה בכבודו ובעצמו, און זעענדיג ווי דער בחור איז פארצווייפלט און האלט שוין ביים פארלאזן דעם זאל, און נאכן באמערקן אז דער גאנצער זאל איז פול געפאקט, האט ער גלייך פארשטאנען אז אונזער גאסט האט פשוט נישט געטראפן קיין בענקל צו זיצן...

האט דער ראש ישיבה צוגערופן דעם בחור מיט גרויס ליבשאפט, און מיט א לייכטן שמייכל האט ער געזאגט צו אים, לייגנדיג זיין האנט איבער זיין פלייצע, "קום ביטע מיט מיר"!

דער ראש ישיבה איז ארויפגעגאנגען אויבן צום מזרח, ווען נאך אים שלעפט זיך דער בחור מיט שטרויכלנדע קניען. דא האט זיך דער ראש ישיבה אוועקגעזעצט אויף זיין בענקל, און האט זיך גלייך אפגערוקט צום זייט פונעם בענקל, און פארן בחור האט ער אנגעוויזן זיך צו זעצן אויפן אנדערן האלב פונעם בענקל. "ביטע, זעץ דיך דא נעבן מיר".

דער בחור איז געבליבן שטיין ערשטוינט. "וואס עפעס", האט ער געזאגט באגייסטערט, "קען איך זיך דען זעצן צוזאמען מיטן ראש ישיבה אויף זיין ארט"? אבער דער ראש ישיבה האט נישט נאכגעלאזט, נאר ער האט אים געבעטן נאכאמאל און נאכאמאל זיך צו שטופן צוזאמען מיט אים אויף זיין בענקל!

אזוי האט זיך דער בחור געטראפן זיצן אינאיינעם מיטן חשוב'ן רב, דורכאויס דעם גאנצן געהויבענעם קידוש פון ראש השנה, אויפן זעלבן בענקל, וואו ער האט אלעס מיטגעהאלטן פון דער נאנט, און אויסגעהערט אלע דברי תורה וואס האבן זיך דארט געגאסן פונעם רב, און אנטיילגענומען מיט אלע הייליגע געזאנגען וואס מען האט דארט געזינגען, שפירנדיג דעם

געוואלדיגן קרבת אלקים!

און דער איד האט מֵעִיד געווען פאר מיר, אז דעם געוואלדיגן קירבה וואס דער רב האט אים מקרב געווען, האט ארייגעגאסן אין אים א געוואלדיגער חיזוק! ער האט פלוצלונג גענומען שפירן זיין ווערד און דאס חשיבות פון זיין נשמה אלס בן ישיבה און בן תורה! און פון דעמאלטס און ווייטער איז ער געווארן דבוק אינעם חשוב'ן רב און איז געווארן איינער פון זיינע אויסדערוועלטע תלמידים, און מיט די צייט איז ער געווארן זייער גרויס אין תורה זייענדיג א תלמיד חכם מופלג!

**אלעמאל ווען ער דארף האבן חיזוק, דערמאנט ער זיך אינעם געוואלדיגן קירוב צו וועלכער ער האט זוכה געווען פונעם ראש ישיבה זצ"ל אין יענעם ראש השנה, און ער שעפט דערפון א געוואלדיגער חיזוק!**

**[פרטית – ט' חשון תשע"ג]**

->•<-

## דער בריסקער רב פארהערט דעם בעל־תוקע יעדן יאר פונדאסניי

עס האט מיר דערציילט הרב הגאון **רבי אברהם מרדכי ברייטשטיין זצ"ל**, דער ספרא דבי דינא רבא דהעדה החרדית פעיה"ק תובב"א, וועלכער האט פאר אסאך יארן זוכה געווען צו דינען אלס 'בעל-תוקע' ביים הייליגן **בריסקער רב מרן הגרי"ז זצוק"ל**:

יעדן יאר, פאר די הייליגע טעג, פלעגט אים דער בריסקער רב רופן, און אים פרעגן, צי ער וועט אויך דאס יאר קענען בלאזן די תקיעות ביי אים, און אים געפרעגט צי ער קען גוט בלאזן. ער פלעגט אים יעדן יאר פארהערן פונדאסניי, צו זיכערמאכן אויב ער קען טאקע גוט בלאזן, און צי זיינע תקיעות געפעלן אים.

**[פרטית – ו' טבת תשע"ג]**

->•<-

## דער שופר און דער מחזור וועלכע האבן געלויכטן בגי"א צלמות אין די לאגער ביים צווייטן וועלט־מלחמה

עס האט דערציילט הרה"ח הישיש **רבי ישראל מאיר**, וועלכער האט דורכגעלעבט די שרעקליכע געשעענישן פונעם שרעקליכן צווייטע וועלט-מלחמה, און איז פארדרעכנט געווארן צווישן די געציילטע מענטשן וואס זענען געראטעוועט געווארן פון די שרעקליכע טויט-לאגערן, אז ער האט ביי זיך אן אלטער **שופר**, און אויך אן אלטער **מחזור** פון ראש השנה און יום הכיפורים, איבער וועלכע ער היט זייער שטארק.

ווען ער האט זיך ארויסגעלאזט אין וועג, אום חודש **אלו"ל תרצ"ט**, ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האט אויסגעבראכן, נישט וויסנדיג צו וואו ער גייט, האט ער געטראכט צו זיך: ווער ווייסט אויב מיר וועלן אהיימקומען פאר ראש השנה, אדער מעגליך וועלן מיר זיך געפינען צווישן גוים.

דעריבער האט ער באהאלטן צווישן זיינע קליידער, א שופר און א מחזור, איבער וועלכע ער האט גוט געהיטן דורכאויס די גאנצע צייט וואס ער האט זיך געפינען אין די לאגערן. און טאקע, ווען עס איז אנגעקומען דער הייליגער יום טוב ראש השנה, זייענדיג בַּצָּרָה וּבַשִּׁבְיָה אין די צוואנגס-לאגערן, זענען דער שופר און דער מחזור געווען א טרייסט און חיזוק פאר די הונדערטער אידן וואס האבן זיך געפינען מיט אים, ווייל אויסער דער שופר און דער מחזור, איז אין די גאנצע סביבה נישט געווען קיין שום שופר און קיין שום מחזור!

און דערפאר, האלט **רבי ישראל מאיר**, אז דער זכות וואס ער האט עס איבערגעלעבט און איז געראטעוועט געווארן ממות לחיים, איז דעם געוואלדיגן זכות וואס ער האט מזכה געווען אזויפיל אידן מיט די מצוה פון תקיעת שופר, און מיט די תפילות פון די הייליגע טעג אין אזעלכע שווערע און ביטערע צייטן!

ער האט זוכה געווען ארויסצוגיין פונעם עֵמֶק הַבָּכָא און אויפצושטעלן א נייעם הערליכן דור לְתִפְאֶרֶת בֵּית יִשְׂרָאֵל, און יעדן יאר, ווען עס קומען די הייליגע טעג, דאווענט ער בדביקות אין דעם אלטן מחזור, און אויך בלאזט ער מיטן אלטן שופר, **וואס זאגט עדות מער פון אלעס, אויף די שרעקליכע עקידות און שחיטות וואס אידישע קינדער זענען דורכגעגאנגען אין די לאגערן, איבער די טייכן בלוט און בערג אש וואס אידן האבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש השם, אזוי ווי יצחק אבינו ע"ה אין זיין צייט!**

**[פרטית – ב' כסליו תשע"ב]**

->•<-

## אום ראש השנה שטעלט זיך דער מלך המשיח ביים בית דין של מעלה — צו באקומען זיין פסק, אויב איז שוין געקומען דער צייט פון די גאולה

**כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר זצוק"ל**, בעל 'ויואל משה', פלעגט זאגן זיין דרשה פאר די תקיעות מיט גרויס געוויין, און פלעגט מעורר זיין דעם קהל צו תשובה.

ביי זיין דרשה פלעגט ער דערמאנען אין נאמען פון זיין זיידע הרה"ק **בעל 'ישמח משה' מאוהעל זצוק"ל**, אז יעדן יאר, ווען עס קומט דער יום הדין, טוט דער **מלך המשיח** פארלאזן זיין הויכן היכל [וואס ווערט אנגערופן 'קַן צִפּוֹר' כידוע], און ער שטעלט זיך אוועק פארן בית דין של מעלה, זייענדיג מוכן ומזומן אויסצולייזן אידישע קינדער, און ערווארט און ער האפט, וועלנדיג זען וויאזוי דער דין וועט באשטימט ווערן, און צי עס וועט ארויסגיין דער אורטייל פונעם אויבערשטן אז די אידן זענען ראוי אויסגעלייזט צו ווערן אין דעם יאר!

און אויב גייט חלילה ארויס דער אורטייל פונעם בית דין, אז די גאולה ווערט אפגעשטופט מיט נאך א יאר, הייבט משיח אן צו וויינען און שרייען מיט א ביטערן קול, אויף די צרה פון די גלות השכינה און דאס גלות פון אידישע קינדער, וואס ווערט פארלענגערט מיט נאך א יאר! און דאס גאנצע פמליא של מעלה זעט ווי ער וויינט און ער שרייט, און זיי זענען זיך משתתף מיט זיינע תפילות.

און דער הייליגער סאטמארער רבי פלעגט אויספירן מיט א לייבן-געשריי, און ער פלעגט אויסשרייען מיט בכיות עצומות, פון די טיפענישן פון זיין הייליג הארץ: "אידן! **האט רחמנות! אז דעם יאר זאל שוין דער מלך המשיח מער נישט האבן קיין צער, און זאל שוין נישט דארפן אזוי וויינען מיט א ביטער הארץ! טוט שנעל תשובה שלימה, און דורכדעם וועט איר צואיילן גאולתנו ופדות נפשנו, און אינגיכן וועלן מיר שוין זוכה זיין צו הערן דעם קול השופר פון משיח צדקנו במהרה בימינו!" אמן.**

[קובץ "פרטיות" – שיחה מס' 37]


על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוח למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב תנצב"ה

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנצב"ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנצב"ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173